# להתעדן באהבתך וביראתך

יצא לאור ע"י כיתה גבוה דת"ת "תורה ויראה" דרב"י ד'סאטמאר לאנדאן יצ"ו

מיסודו של כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע — בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

גליון ס"ה שנה ב'

פרשת בהר תשע"א לפ"ק


סוזק"ש 8:27

## תורת אמת

**וידבר ה' אל משה בהר סיני.**

וידבר ה' אל משה. דעריבער האט משה רבינו זוכה געווען אז דער אויבערשטער זאל צו אים רעדן, בהר סיני, ווייל ער האט זיך קליין געהאלטן, אזוי ווי דער בארג סיני האט זיך געהאלטן קלענער פון אלע אנדערע בערג.

**דעת משה – קאזניץ**

(מנחם יהודה לאנדא)

**בהר סיני.**

בה"ר איז ר"ת ר'אשית ב'קבלת ה'תורה. די ערשטע מדה וואס מ'דארף האבן צו קבלת התורה איז סיני, מ'זאל זיך קליין האלטן ווי דער בארג סיני. דערנאך פירט דער פסוק אויס "לאמור", וואס איז די זעלבע ווערטער פון "ולא רם". מ'טאר זיך נישט האלטן שטאלץ, וואס דאס איז דאס פארקערטע פון ענוה.

**מגן אברהם – טריסק**

(משה ברא"ם לאנגבערג)

**שש שנים תזרע.**

די סופי תיבות פון ש'ש שני'ם תזר'ע איז שמע מרמז צו זיין אז מיט דעם וואס מ'זייט אן זיבן יאר און מ'רוהט אין זיבעטן יאר, זאגט מען עדות אויף יחוד שמו יתברך, וואס האט אויך באשאפען די וועלט אין זיבן טעג, און האט גערוהט דעם זיבעטן טאג.

**חיד"א**

(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

**והיתה שבת הארץ לכם לאכלה.**

דורכ'ן אפהיטן דעם שבת קודש, און רוען פון אלע מלאכות, לכם לאכלה האט מען צו עסן די גאנצע וואך, ווי די באקאנטע ווערטער פונעם זוה"ק, כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין, (די אלע ברכות וואס קומען אראפ אויף די וועלט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות איז אנגעהאנגען אין שבת).

**אגרא דכלה**

(נפתלי חיים ענגלענדער)

**בשנת היובל תשובו איש אל אחוזתו.**

בשנת היובל הזאת, ווען מ'לערנט פלייסיג ווי א בן חורין (אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה) דאס איז די בעסטע סגולה אז "תשובו איש אל אחוזתו", אז ס'זאל שוין זיין די גאולה שלימה.

**הרה"ק מקאצק זצ"ל**

(יוסף דוב סאלינסקי)

**וחי אחיך עמך.**

ווען ס'איז "אחיך עמך", דאס הייסט דער איד שפירט מיט א צווייטן איד דערמאלטס "וחי" הייסט דאס געלעבט אבער טאמער מ'האט נישט אינזין א צווייטן, ווערט דאס נישט אנגערופן געלעבט.

**ספה"ק**

(יואל זלמן שווארץ)

**אל תקח מאתו נשך ותרבית.**

ווען א איד טוט א מצוה און ערווארט שוין זיין שכר, איז ער דערמיט גורם צער פאר די שכינה, ווייל השי"ת זעט אז מ'טוט דאס נאר צוליב דעם שכר. דאס זאגט דער פסוק, "אל תקח מאתו", נעם נישט פון השי"ת, פארלאנג נישט פון השי"ת שכר, ווייל אויב יא, איז "נשך", בייסט מען דערמיט כביכול דער עיקר איז "ויראת מאלקיך" זאלסט עס טוהן פון ליבשאפט און מורא צו השי"ת.

**נועם אלימלך**

(משה ברא"ם לאנגבערג)

# עצי תמרים

**לא תרדה בו בפרך ויראת מאלקים אני ה'.**

דא ליגט מרומז א ווארנונג פאר די מנהגים אז זיי זאלן נישט שפייזן זייערע אנהעגגער מיט בלויז שיינע רייד, נאר פרובירן מיט מוסר אויפצוטוהן אויף זיי.

דאס זאגט דער פסוק "לא תרדה בו בפה-רך, זאלסט נישט געוועלטיגן מיט א שיין מויל מיט זאגן שיינע קאמפלימענטן, נאר "ויראת מאלוקיך" זאלסט ארייגלייגן אין זיי ווי מער יראת שמים.

**ייטב לב**

(משה ברא"ם לאנגבערג)

**אחרי נמכר גאולה תהי' לו.**

דא איז מרומז א בקשה צו השי"ת, "אחרי נמכר" מיר זענען שוין אזוי לאנג פארקויפט אין גלות, בעטן מיר דיך, "גאולה תהי' לו" עס זאל שוין זיין די גאולה שלימה.

**מרן רביה"ק בעל הדברי יואל זי"ע**

(שניאור זלמן גאלדמאן)

# למען תספר

**ובשנה השביעית שבת שבתון.**

דער חזון איש ז"ל האט אין זיין צייט גאר שטארק מעורר געווען די פעלד – ארבייטער אפצוהיטן די דינים פון שמיטה כהלכתה, און זיך נישט באנוצן מיט די שוואכע היתרים, "אבער רבי", האט איינער באמערקט, "מ'קען דאך מפקיר זיין די פעלדער און ווייטער ארבעטן?", "ביזט גערעכט", האט דער חזון איש רעאגירט, "די פעלדער קען מען טאקע מפקיר זיין אבער די תורה ווערט נישט הפקר.

(יוסף דוב סאלינסקי)

**ולא תונו איש את עמיתו.**

אין דעם בית הכנסת וואו דער גאון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל האט געדאווענט, האט מען אויפגענומען א נייע חזן. דער חזן איז געקומען צום גאון פרעגן וואס ער דארף אינזין האבן בשעת ער דאוונט פאר'ן עמוד. צום ערשט, דארפסטו זען זיך גוט אויסצולערנען די ניגונים וואס מ'זינגט ביים דאווענען, האט דער גאון ערקלערט, דער חזן האט נישט געגלויבט וואס ער הערט און האט זיך אנגערופן, רבי איך האב געפרעגט וואס פאר א כוונות איך דארף אינזין האבן ביים דאווענען? האט דער גאון אים ערקלערט אז אזוי ווי ער באקומט באצאלט פאר'ן דאווענען, איז נישט מער ווי רעכט אז דו זאלסט זיך גוט פארקוקן די ניגונים, ווייל אויב נישט איז דא א חשש אונאה און ער וועט נאך מיט זיין דאווענען עובר זיין אויף דעם לאו פון לא תונו איש את עמיתו.

(משה ברא"ם לאנגבערג)

# משל ומליצה

**וספרת לך שבע שבתות שנים שבע שנים שבע פעמים והיו לך ימי שבע שבתות השנים תשעה וארבעים שנה.**

מען קען פרעגן א קשיא, פארוואס שטייט קודם אין פסוק די איינציגע יארן און נאכדעם רעכענט די פסוק אויס די כלליות'דיגע יארן?

נאר מען קען דאס ענטפערן מיט א משל: אן ארימאן איז אסאך יארן ארומגעגאנגען אין די הייזער נאך געלט. נאכדעם האט ער זיך באזעצט אין א קליין שטעטל און איז געווארן א בעל הבית, האט ער זיך גרויסגעהאלטן פאר דער מענטשן פון שטעטל און האט זיך בארימט מיט זיין עשירות. איינמאל איז געקומען איינער פון די שטאט וואס ער האט פריער געוואוינט און ער האט געהערט בארימעכץ האט ער אים געזאגט: דו נארישע מענטש, דו ביסט דאך געווען געוואוינט ארומצוגיין אין די הייזער און דערמאלטס פלעגסטו אויסרעכענען וופיל פרוטות דו נעמסט צונויף, אז דו האסט געהאט דריי גילדן האסטו געמאכט א חשבון אז דו האסט דריי הונדערט פרוטות. איז דאס געווען א גרויסע סכום ביי דיר, אויך היינט מאכסטו דעם חשבון פון דיין ביסל געלט לויט דיין אלטן שטייגער. דו רעכנסט עס אויף פרוטות דאכט זיך דיר אז דו ביזט אן עושר, מאך נאר אבער דעם חשבון פון דיין געלט אויף רענדליך וועסטו זען אז דאס גאנצע געלט וועט נישט באטרעפן מער ווי אפאר רענדליך און אז דו ביסט נישט קיין עושר.

דער נמשל איז, דער פסוק וויזט דער מענטש מיט חכמה א עצה וויאזוי ער זאל זיך בארעכענען זיינע יארן מיט זיין טאג טעגליכן לעבן אויף דער וועלט. אויב ער וועט מאכן דעם חשבון פון זיינע טעג לויט די יארן אדער לויט די טעג וועט עס באטרעפן אסאך יארן און נאך אסאך מער טעג ער וועט לעבן אויף די וועלט זיבעציג, אכציג יאר, וועט ער מיינען אז ער איז שוין א תושב אויף די וועלט, אבער אויב ער וועט מאכן דעם חשבון וויפיל שמיטות ער לעבט אויף די וועלט וועט אויסקומען דעם חשבון אז ער לעבט נישט מער ווי צען, צוועלעף שמיטות וועט ער פארשטיין אז ער איז נישט קיין תושב אויף די וועלט נאר א גר.

**אהל יעקב**

(משה וויינבערגער)

# וספרתם לכם

**שבע שבתות.**

דער גוף באשטייט פון 4 יסודות אש, מים, רוח, עפר. די נשמה אנטהאלט אין זיך 3 יסודות, נפש, רוח נשמה. צוזאמען איז דאס 7 יסודות. דעריבער ציילט מען 7 וואכן, מתקן צו זיין סיי דעם גוף און סיי די נשמה.

**תפארת עוזיאל**

(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

**שבע שבתות.**

וויבאלד דער ציל פון די טעג איז צו רייניגן דעם מענטש, באנוצט זיך די תורה מיט'ן לשון "שבתות", ווייל אזוי ווי דער שבת הייליגט דעם איד אויף די גאנצע וואך, אזוי אויך זענען די ספירה טעג, טעג פון קדושה וטהרה.

**פרי צדיק – לובלין**

(וואלווי וויינבערגער)

**וספרתם לכם.**
אין ספר אוצר לישראל ווערט געברענגט אז דער ראפשיצער רב זצ"ל פלעגט זאגן אז דער סוד פון ספירת העומר איז, אז ווי מער מ'ציילט. בלייבט וויניגער. (דאס מיינט ארויסצוברענגען אז ווי מער מ'שטייגט אין עבודת ה' אלס וויניגער האלט מען פון זיך...)

דער יוד הקדוש זצ"ל האט אמאל געזאגט אז דער גאנצע בריאה האלט פון די ספירה, יעדער גוי קומט אויס צו ציילן ספירה, די דערשטוינטע מקורבים האבן דאן באשלאסן אונטערצוהערן די געשפרעך פון א גוי און געהערט ווי ער רעדט איבער א געשיכטע וואס ער האט געהאט איבער א בהמה וואס ער האט פארקויפט פאר א סכום דיקאטען, און דער חשבון איז געווען געניי וויפיל טאג אין ספירה ס'איז דערמאלטס געווען.

(מנחם יהודה לאנדאו)

# יומא דהילולא

רבי נפתלי צבי מנחם מענדל זצ"ל
אדמו"ר מראפשיץ בעל "זרע קודש"

רבי נפתלי ראפשיצער פלעגט דערציילן אזוי: איך האב קיינמאל נישט געוויסט פארוואס דער יצר הרע ווערט אנגערופן א מלך זקן וכסיל (א קעניג א אלטע און א נארישע) מילא א זקן ער איז טאקע אלט ער לעבט זייט די וועלט איז באשאפן געווארן אבער ווי קען מען אנרופן א כסיל א נאר? און איינער פון די ווינטער'דיגע פרימארגנס האב איך באקומען א ענטפער אויף מיין פראגע ווייל אין יענע טאג בין איך געגאנגען צום טייך זיך טובלען און די יצר הרע איז געקומען צו מיר און זיך גענומען מיך אפרעדן דערפון. די טייך איז דאך זייער קאלט עס איז סכנת נפשות ממש עס איז דאך אייזיק.... איך האב מיך מיט אלע כוחות מתגבר געווען איבער אים און איך האב אנגעהויבן צו צוברעכן די אייז פון וואסער און זיך צוגעגרייט זיך צו טובל'ן. און וואס מיינט איר די יצר הרע האט געטוהן נאך איידער איך האב אנגעיאגט זיך צו טובל'ן איז ער אריין געטאנצן און די אייז קאלטע וואסער און ער האט זיך גענומען רעדן אז איך זאל מיך גרויס האלטן מיט דעם וואס איך האב איך מיך גע'טובל'ט און אזעלכע קאלטע וואסער.... נו פרעג איך אייך איז ער נישט קיין כסיל א נאר? וואס טאנצט אריין אין א קאלטע וואסער וואס ער האט מיר עס אפגערעדט פון צו טוהן....

(משה בן ר' אהרן לאנגבערג)

## הגליון הזה נתנדב

לע"נ האשה החשובה **חנה יוטא** ע"ה
בת ר' **מנשה יוסף** הי"ו

נלב"ע י"ד אייר פסח שני תשס"ו

ת.נ.צ.ב.ה.